בעז"ה

**שלום וברכה אל מע"כ חברי המפעל והמכון המוסד הקדוש "נטרונא", כ"א בשמו הטוב יבורך.**

אחדשה"ט באה"ר. דא שרייבט צו אייך א איד פון אייראפע, א סאטמארער חסיד, וועלכער האט געהאט די זכי' צו לערנען און זיך ווייקן ביי רביה"ק זי"ע אין די געזונטע לעכטיגע יארן און אסאך געהערט די תורות ביי די טישן און ביי די מסיבות. שטייענדיג אין די לעצטע תקופה ווען מיר אייראפעישע אידן זענען נאך אונטער דעם שטארקן רושם באגלייט מיט טיפע הרגשים נאכ'ן געלונגענעם קידוש שם שמים וואס איז אפגעהאלטן געווארן דעם זומער אין בריסל, בעלגיע, וואו עס האבן זיך צונויפגעקליבן הונדערטער ערליכע אידן וועלכע האבן א געפיל צו אידישקייט און דאס הארץ ווייטאגט אויף די שרעקליכע גזירות פון רדיפת הדת אין ארץ ישראל, וואו די בני הישיבות זענען אויסגעשטעלט ארייגעשלעפט צו ווערן ר"ל אינעם צה"ל היל"ת. איך גלייב אז איר האט שוין מסתמא געהערט און עס איז אייך גוט באקאנט דער שטארקער קידוש ד' וואס האט אפגעקלינגען אין די ברייטע גאס.

מיר האבן אויך אנערקענט אייער געטרייע ארבעט צום סוקסעס פונעם פראטעסט, ווי אויך די דרשה פון ענקער רעדנער הרב שפירא שליט"א אויף די ענגלישע שפראך, וואו ער האט באצויבערט יעדן איינעם און גלייכצייטיג ארויסגעברענגט די אמת'ע שיטה פון רביה"ק וואס זאל זיין מתקבל על הלב ביי אלע קרייזן. די דרשה איז שפעטער צושפרייט געווארן דאהי און אין אנדערע אייראפעאישע שטעט, און ס'האט געהאט א ווייטן אפקלאנג. דעריבער האב איך מיך אביסל מער פאראינטערעסירט איבער ענקערע פעולות אגאנץ יאר, און מיט די היינטיגע קליינע וועלט קען מען אלעס זען און הערן אין א קורצע צייט, וד"ל. איך בין געווארן מלא התפעלות און מיין התפעלות איז געוואקסן פון מינוט צו מינוט זעענדיג מער און מער די שטארקע תוצאות און די אמת'ע ריינע כוונות פון אייער הייליגער מוסד "נטרונא" און ווי ווייט מ'קען דעגרייכן מיט אביסל ריכטיגע הסברה.

ועל של זה באתי. אויב האט נטרונא באוויזן אהערצושטעלן אזא שטארקן כח הסברה, מיט אייערע מאמרים, דרשות פאר די גאנצע וועלט. אויב אזוי פארוואס זאלן די אלע פעולות נאר געטון ווערן פאר די גאס? נאר פרעמדע אידן דארפן פארשטיין די שיטה? פארוואס זאל נישט יעדער סאטמארער אינגערמאן (איך וועל באלד מרחיב זיין הדיבור וויפיל די סאטמארער יונגעלייט פארשטייען היינטיגע צייטן די שיטה), ובכלל יעדער ערליכע איד וועלכער האט געפיל צו פשרה'לאזע אידישקייט, זאל קענען פארשטיין און ארויסהאבן די אמונה הצרופה?

עס איז נישט קיין סוד אין וועלכער תקופה מיר לעבן היינט. ס'הערשט היינט אזא ווינט און ס'שפירט זיך אזא הרגשה אין אלע קרייזן – "אפשר דאך איז דער סאטמארער רב גערעכט געווען?"

טייל זאגן דאס מיט א האלב מויל און טייל אפנערהייט. ווען די רדיפת הדת בכלל ובפרט די גזירה פון גיוס בני הישיבות אין ארצינו הק' ווערט ל"ע שטערקער, זאגן שוין פיל מער אז "יא! דער סאטמארער רב האט דאס אלעס פאראויסגעזען מיטן נישט לאזן נעמען געלט פון די ממשלה." ווי אויך שווימען ארויף די שארפע ווערטער פון מרן מהרי"ץ דושינסקי זצ"ל און פון הגאון דער בריסקער רב זצ"ל וועגן נעמען געלט ממקורות זרים.

גאר לעצטנס איז אפי' באקאנט געווארן דער מאמר פונעם פאנעוויזשער ראש ישיבה הרב פוברסקי שליט"א, אונטערן קעפל "האדמו"ר מסאטמאר הי' צדק", וואו ער זאגט קלאר אז דעם סאטמארער רב'ס שיטה פון נישט אריינגיין אינעם כנסת המינים איז ריכטיג, און דאס אז די פרומע פארטייען זענען געווארן א טייל פון די

ממשלה, דאס האט גורם געווען דער היינטיגער מצב, און ווי אויך אויף די איינגענומע שטחים אויף וועלכע מדינת ישראל האט געיובל'ט און די פרומע אידן האבן ליידער מיטגעטאנצן מיט שמחה, האט רביה"ק געזאגט "ס'וועט זיי נאך באנג טאן". בשעתו האט אים קיינער נישט פארשטאנען, אבער ליידער זעט דאס שוין היינט יעדער בחוש, נעבעך מיט זייער א טייערן פרייז פון פילע אומשולדיגע קרבנות.

אפי' דאס גיין צום כותל המערבי, וואו ס'ווערט אפגעטון כל תועבות שבתורה. נשים דארטן זענען עולה לתורה וכו', מיט א תערובות, אונטער די "נשות הכותל" באוועגונג. אויף דעם זאגן אויך אסאך אז דער סאטמארער רב איז גערעכט געווען מיטן נישט לאזן גיין צום כותל. דעם רבינ'ס לשון אז מ'טאר נישט גיין צום כותל ביז משיח וועט קומען, וועלכע איז בשעתו פארשריגן געווארן אין די גאס, אט דאס איז היינט ליידער זייער פארשטענדליך. און אזוי זעט מען קלאר ווי די וועלט הייבט אן צוביסלעך אנערקענען די שיטה הק'.

אין אזא צייט וואלט יעדער סאטמארער חסיד געדארפט שטאלצירן מיטן רבי'נס מאמרים און צייגן פאר די וועלט: זעט ווי רוח הקודש הופיע בבית מדרשו! אבער למעשה הערשט א גרויסער קרירות ביים יונגען דור פון דער סאטמארער עדה איבער די גאנצע שיטה.

עס שטעלט זיך די גרויסע פראגע: פארוואס טאקע זענען אזא גרויסער טייל פון סאטמארער יונגעלייט אזוי קאלט צו די שיטה הקדושה? איך זע ווי די סאטמארער בחורים וואס פארן לערנען קיין א"י אדער די יונגעלייט וואס פארן פארוויילן קיין א"י מאכן מיט אזא ביטול אוועק די שיטה הק'. למשל טייל זענען זיך דארט מתדבק צו פרעמדע מדריכים ומשפיעים; מ'קריכט ארום אין קיבוצים צווישן מזרחי'סטן, מתנחלים וכדומה. איך רעד שוין נישט פון גיין צום כותל, קבר רחל, מערת המכפלה ועוד. שטעלט זיך מיר די פראגע: פארוואס איז דאס אזוי? ווען איך קום מזמן לזמן קיין אמעריקא און איך באגעגן זיך מיט היימישע סאטמארער חסידים פון אמעריקא, שפיר איך צווישן די ווערטער אזא קאלטקייט און העלמת עין פון די שיטה. בעקיפין קומט ארויס דער מעסעדזש כאילו די גאנצע שיטה איז עפעס אן עקסטרעמע זאך און א חלק פון א געוויסע פארצייטישע פרומקייט, ווי כאילו ס'איז היינט בכלל נישט נוגע.

אנגעבליכע סיבות זענען דא אסאך, ולדעתי העני' זענען דא עטליכע נקודות פארוואס די שיטה הק' איז היינט שוואכער צווישן היימישן ציבור:

## א

ווען דער רבי זי"ע האט געפירט זיין מלחמת קודש קעגן ציונית, איז דאס געווען ווי א מלחמת "חפצא" און נישט א מלחמת "גברא", דהיינו דער "חפצא" פון ציונית - כנסת, בחירות, מנהיגי שקר, מזרחי, אגודה - איז געווען שארף, אבער נישט קעגן מענטשן ספעציפיש. מ'האט פון קיין "גברא" קיינמאל נישט גערעדט. דער רבי האט קיינמאל נישט לוחם קעגן דעם אדער יענעם פערזאן. (הזכרת נשמות איז נאר געווען ביי יזכור...). אפילו אין "דער איד" האט מען בימים ההם קיינמאל אויף קיין מנהיגים בפרטיות אדער חסידות'ער נישט גערעדט. אויסער די הארבע איסורים וואס זענען דא דערביי, איז מיטן דערמאנען מענטשן בפרטיות איז מען פשוט מרחק אנדערע אידן פון מקבל זיין את האמת ממי שאמרו.

עס איז אין סאטמארער בתי מדרשים אייביג געווען א מקום פאר אלע מיני אידן, פון אלע קרייזן וואס האבן "געוואלט" זיך דרייען בין כותלי בית מדרשינו. מ'האט זיך מיט די אידן אפשר לייכט געווערטלט, אבער נישט געהאט א שנאה קעגן זיי פערזענליך, נאר אדרבה, מ'האט געהאלפן אנדערע אידן מיט וואס מען קען נאר. פרנסה, ביקור חולים, אדער סיי וואספארא טובה. ובפקודות הקודש האט ר' יודל ראזענבערג ז"ל דירעקט מקרב געווען פרעמדע אידן אינעם בית האופה ד'סאטמאר, און ר' יעקל שווארץ ז"ל האט געטראגן עסן פאר יעדן אידישן חולה אין שפיטאל, א.א.וו.

דער היינטיגער עקסטרעמער קולטור פון טייטלען מיט'ן פינגער, שרייען, פארפירן און פערזענליך אראפרייסן ערליכע אידן שומרי תורה ומצות, איז לגמרי נישט געווען. מחאות האט מען נאר געמאכט אויף כופרים בעיקר רח"ל. עס איז נישט דא אין די היסטאריע בימי רביה"ק אז מ'זאל מאכן א פראטעסט קעגן אידן שומרי תו"מ. אפילו אידן וואס זענען געגאנגען צו די בחירות אין א"י האט מען זיי נישט נאכגעשריגן, און זיי האבן אפילו געקענט שיקן די קינדער אין סאטמארער תלמוד תורה אין ארץ ישראל. (כן שמעתי משמי' גאב"ד קארלסבורג רבי יחזקאל ראטה שליט"א).

הקיצור: מ'האט כסדר אינזין געהאט א צווייטן איד. מ'איז טאקע געווען אויסגעשפראכן קעגן דיעות נפסדות, אדער נישט חלילה אטאקירט עמיצן פערזענליך.

דער רבי זי"ע איז געווען דער לוחם מלחמות ה', דער אויסגעשפראכענער לוחם קעגן "ציונית", אבער לגבי די דאזיגע מענטשן פערזענליך, בעת משברם - דהיינו אז א יחיד איז דורך חלילה עפעס א מיטמאכעניש - האט ער אים געהאלפן מיט וואס ער האט נאר געקענט. דער רבי האט זיך מדבק געווען במידותיו של הקב"ה, בעל מלחמות, אבער אין די זעלבע צייט אויך זיך מדבק געווען אין די אנדערע מדות פון הקב"ה און געווען א זורע צדקות און מצמיח ישועות, זייענדיג דער אדרעס צו וואו מ'איז געקומען פון אלע עקן וועלט, אלע ערליי אידן מיט אלע מיני פראבלעמען און פאר אלע מיני צדקות. דער רבי איז בטבעו געווען א רך כקנה, אבוהון ולבן של ישראל. ער איז געווען דער גבור ואיש מלחמה קעגן ציונית נאר מכח דעם ווייל ער איז געווען א זקן מלא רחמים[1] און האט מכיר געווען דער גרויסער אומגליק וואס די מדינה האט געברענגט אויף אידן רח"ל, ווי ער שרייבט (לשון רבינו בעה"ג ד' קצ"ד) "הכי יש היתר עפ"י התורה להפקיר ולגרום אבדון נפשות ישראל, **וחביב ויקר לפניו השי"ת כל נפש מישראל, וכל חפצי העולם לא ישוו בה"** – די גאנצע מדינה איז נישט ווערד פאר איין אידיש נפש. דער רבי פלעגט דאס אסאך דערמאנען מיט בכיות אז ווען נישט די כת וואלט מיר שוין לאנג זוכה געווען צו די גאולה, נאך די אלע צרות פון חורבן אייראפע, און די ציונים זענען געווען דער גאנצער גורם דערצו. בשעת די גאנצע חרדי'שע וועלט האט גע'יובל'ט ביים כיבוש כותל המערבי ועוד, האט ער געוויינט וועגן די אלמנות ויתומים וואס עס זענען געבליבן צוליב די מלחמות רח"ל, און דאכט זיך אז די אומגעקומענע נפטרים זענען נישט געווען פונעם "סאטמארער חדר".

דאס קנאות וואס דער רבי האט אונז געלערנט, איז געווען נאר למען כבוד שמים, תחת אשר קנא לאלקיו ויכפר על בני ישראל, זוכנדיג מסיר צו זיין דעם חרון אף ד' מישראל און מרבה זיין רחמים וחסדים פאר אידישע קינדער (ווי דער באוויסטער בריוו קיין ירושלים נאך די מחאה אין שנת תשי"ח אין וואשינגטאן די.סי. – ראה העתק להלן), וכשיש

---

[1] ועי' עוד מזה ביט"ל פ' כי תשא עה"פ לוחות כתובים משני עבריהם מזה ומזה הם כתובים – וכדכתיב כי הנה אויביך ה' וכו' והם אשר על עמו יערימו סוד ויתעצו על צפוניו, **כי רשפי אש שלהבת ה' ואהבת עמו ישראל ותורתו הבא ממדת החסד זהו סיבה** לעורר קנאה וחימה על אויביהם ושונאים **להפר עצתם ומחשבתם ולהשביתם ממלאכה וזהו נקרא גבורה שבחסד** ....עכל"ק.

דין למטה אין דין למעלה.[2] דער רבי האט געוויטאגט מנהמת לבו אויף כבוד שמו יתברך המחולל, ווי ער שרייבט אין על הגאולה (בהקדמה) בלשונו הק': "**ואין לשער גודל הצער אשר בלבות המשתוקקים לגאולה, בראותם עיכוב הגאולה "כי נורא הוא"**.

דער רבי זי"ע האט געשריבן ספרו הק' ויואל משה אין זיינע עלטערע יארן, מיט בלוט און נישט מיט טינט. אין די עלטערע יארן האט דער הייליגער מח אנגעפאנגען שרייבן אן ענין וואס ווערט וויניג דערמאנט אין די פוסקים, און אהערגעשטעלט א יצירה חדשה ברוב עמל ויגיעה. אין די הקדמה שרייבט ער בלש"ק: **ואם יעלה בידי שאזכה להוציא מהמבוכה בדעה הרעה הזאת "אף אחד בישראל", הכל כדאי.** כי אם נקח כל פירצות הדור והעבירות המרובות הנעשית בכל העולם וישימו אותם בכף מאזנים אחת, ומדינה הציונית בכף מאזנים השני' תכריע את הכל, שהוא השורש פורה ראש ולענה של אבי אבות הטומאה שבכל אבות הנזיקין שבכל העולם כולו, והן המטמאים את כל העולם כולו (ויא"מ הקדמה דף י"א).

"אף אחד מישראל" האט ביים רבי'ן נישט געמיינט "דייקא" היימישע משפחות פון סאטמאר, נאר אויך אלע אידן הסרים לדבר ד'. "ויואל משה" איז נישט געמאכט געווארן בלויז פאר "היימישע" אידן, סאטמארער חסידים, נאר פאר אלע אנדערע אידן צוגלייך. עס איז באקאנט אז ווען מ'האט געברענגט פאר'ן רבי'ן א גריס אויפן ויואל משה אז א איד אין סיי וואספארא דרויסנדיגן קרייז איז נתפעל געווארן דערפון, האט ער זיך געפריידט מיט דעם כמוצא שלל רב. וואס דארף מען א גרעסערע ראי' ווי דאס אז דער רבי האט געשיקט דעם ויואל משה איבערצוקוקן פאר עטליכע רבנים, ובתוכם הגאון הגדול בעל שבט הלוי שליט"א, וועלכער האט קיינמאל נישט געהייסן דער אויסגערופענער קנאי, און לפי עדותו פון הרב וואזנער שליט"א האט ער געהאט דריי הערות און דער רבי האט אלע דריי הערות מתקן געווען. דאס ווייזט אביסל דאס בילד וויאזוי דער רבי האט געוואלט אז זיין שיטה זאל נתקבל געווען ביי "אלע" קרייזן. די ווערטער "פאר היימישע אידן" (כלומר: חסידי סאטמאר) האט ביי אים נישט עקזיסטירט. ער האט נאר געזוכט עס זאל גוט זיין פאר אלע אידן ברוחניות ובגשמיות – רבן של כל בני הגולה במלוא מובן המולה.

דעם רבינ'ס מלחמה איז געווען "אמת קעגן שקר", "קדושה קעגן טומאה", כמה שנאמר "אוהבי ד' שנאו רע", אבער נישט חלילה פערזענליך. דער רבי האט ברבים קיינמאל נישט אויף קיין שום מנהיג גערעדט, ער האט ברבים קיין אנדערע חסידות'ער קיינמאל נישט דערמאנט, געווי ווי עס ווערט געברענגט אין ליקוטי שו"ת חתם סופר (סימן פ"ה) בלש"ק: גם כי הארכתי קצת בדברים פשוטים רק לדחות האפיקורס, **ואמנם נזהרתי מאוד שלא ללחום עם שום אדם** ולא נזכר שום אדם באגרות שלי כלל **ולא יראה החוצה שום התגרות אדם באדם כ"א האמת לוחם עם השקר.** ע"כ.

---

[2] עי' בספה"ק נועם אלימלך פ' פנחס, וזלה"ק: או יאמר ע"ד הפשוט דהנה כבר דקדקנו כתוב אחד אומר חסד אל כל היום וכתוב אחד אומר אל זועם בכל יום ונראה **שלפי כשיש דין למטה אין דין למעלה** והיינו כשהצדיק רואה איזה שפלות מהאדם והוא מוכיחו על פניו וכועס עליו על עשותו זאת זה הוא כמו דין הוא פועל שמבטל מעליו הדין מלמעלה ואל נקרא הצדיק כמ"ש ויקרא לו אל אלקי ישראל ודרשו שהקדוש ברוך הוא קרא ליעקב אל, והיינו בזמן שאל **הוא הצדיק זועם בכל יום למטה אז חסד אל כל היום** ונמצא צדקו יחדיו ב' הפסוקים. וזהו אלקים בארמנותיה העולם הזה נקרא ארמון ע"ד שאמרו התקן עצמך בפרוזדור ואלקים הוא **דין והיינו כשיש דין בארמנותיו למטה אז נודע למשגב פירוש אז נודע יתברך למשגב פירוש למחסה ולמסתור מכל נזק וזהו בקנאו את קנאתי ולא כליתי מתוך שעשה בהם דין למטה לזה לא כליתי אותם כי נתעורר עליהם הרחמים הגדולים אמן כן יהי רצון**.

דער רבי האט באזוכט און צוגעטיילט ביקורי כבוד, אויב עס האט אויסגעפעלט מפני הנימוס, אפילו פאר מנהיגים וועלכע האבן מיט זיין שיטה בכלל נישט מיטגעהאלטן.[3] צום ביישפיל: הגאון רבי אהרן קאטלער ז״ל איז געווען א תומך נלהב און פון די מייסדים פון חינוך עצמאי און אויך א חותם און א מעודד פאר די בחירות צו די כנסת המינים אין מדינת ישראל. ביי זיין לוי׳ האט דער רבי געוויינט בדמעות שלוש ״להגיד שבחו של אהרן שלא שינה״ (און עס האבן מיטגעוויינט ר׳ אהרן׳ס תלמידים. איך האב דאס פערזענליך מיטגעלעבט.) די גאנצע ליטווישע וועלט איז דאן עטוואס נתקרב געווארן לשיטתו הק׳ זענדיג די טוהר מידותיו פון רבי׳ן. אדער למשל, אז דער רבי איז געגאנגען מנחם אבל זיין דעם ליובאוויטשער רבי׳ן ווען ער איז געזיצן שבעה נאך זיין מאמע׳ן די נאכט פאר׳ן הייליגן טאג. ווער רעדט נאך סיי וועלכע רבי אדער בנש״ק וואס האט געהאט השפעה אויף אנדערע אידן און האט זיך עטוואס צוגעשטעלט צום אמת, האט דער רבי אים צוגעטיילט כבוד מער ווי עס פאסט, אלעס כדי מקרב צו זיין ווי מער אידן לאמונה הצרופה. מפי השמועה שמעתי אז דער רבי האט געהאט טענות צו די נטורי קרתא אין ארץ ישראל אז זיי וואלטן ווען ליבערשט געדארפט מעריץ און מכבד זיין די דארטיגע גדולים און אזוי פראבירן משפיע צו זיין אויף זיי, ווי איידער תובע, מוחה זיין און פארסירן.

א שטיקל באגריף ווי ווייט רביה״ק איז נזהר געווען במלחמתו אש דת, נישט פוגע צו זיין אין קיינעם פערזענליך, פארציילט הרה״ח רבי יוסף אשכנזי ז״ל אין א פתיחה למהדורת על הגאולה תשס״ו, אז דער רבי בשעת׳ן שרייבן דעם על הגאולה האט מעורר געווען אז דאס שרייבן זאל זיין מיט א מתינות אז עס זאל נישט וויי טון קיינעם. לדוגמא ברענגט ער אז דער רבי האט געהייסן מעתיק א שטיקל מאור ושמש (עה״ג סי׳ כ״ג), וואס רעדט אז מ׳זאל זיך נישט מתחבר זיין צו א צדיק נאר אז ער איז באקאנט בקדושתו ופרישתו און נישט אין אזא איינעם וואס איז נאר באזירט אויף מופתים. עכ״פ דער רבי האט אבער נישט געוואלט מ׳זאל מעתיק כלשונו דעם גאנצן שטיקעל במילואה, נאר דעם תוכן, ווייל ער האט נישט געוואלט פוגע זיין אין די הרגשים פון חסידים פון אזא רבי׳ן.

דער רבי איז געווען באשאנקען מיט מאנגאטישע כוחות, ובמקום גדולתו שם אתה שפלותו וענתוותנו. בכלל די באנעמונג פון רבי׳ן איז געווען בבחינת ״עוז וחדוה במקומו״. אין זיין אנוועזנהייט איז דער גאנצער ארום געווען מלא שמחה. זיין צהלות פנים, מלך ביפיו, און זיינע ווערטלעך, האט שופע געווען שמחה פאר יעדן. אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה! (מ׳קען דאס נאך היינט זען אין די בילדער משנים קדמוניות. דאכט זיך מיר אז יעדעס בילד וואו די רבי שמועסט מיט׳ן ציבור, שמייכלט דער גאנצער ארום.) די קנאות מחמת חן דקדושה, צוזאמען מיט אהבת ישראל, האט צוגעצויגן אידן אז ״לכו ונלכה באור ה׳״. אפי׳ אידן פון אנדערע קרייזן האבן מרגיש געווען דעם רבינ׳ס ריינעם הארץ פאר אידן. די באי ביתו פון רבי אליעזר סילווער ז״ל פלעגן אייביג נאכזאגן בשמו א מימרא, וואו ער האט געזאגט: איך האב נישט קיין טענות אויפן סאטמאר׳ער רב׳ס קנאות, ווייל עס קומט בלויז פון אהבת ישראל![4]

---

[3]באותם הימים (בימי ביקורו של רבינו בא״י תשט״ו) ביקש רבינו להרה״ח ר׳ משה פריעדמאן ז״ל (אחיו של הרה״ג ר׳ מענדל פריעדמאן ז״ל) שיאמר לו שמות של כל אדמור״י נכדי בית רוזין הגרים בתוככי ארצינו הק׳ מפני שרוצה לבקרם, שאז התגוררו בארץ ישראל הרבה צדיקים לבית רוזין – האדמורי״ם מסאדיגורא, הוסיאטין, פשעמישל ועוד. ותמה ר׳ משה ואמר: הלא הרי אינם עם רבינו בדעה אחת ולמה רוצה רבינו לילך לבקרם? אמנם רבינו נשאר איתן על עמדו שאף על פי כן ברצונו לבקר אצלם (זכרון איש חי״ל ד׳ ק״י).

[4]מענין לענין באותו ענין ראיתי להעתיק מעשה נחמד שראיתי בס׳ איש חמודות חלק ב׳ ד׳ רנ״ה:

פעם בשב״ק בא בחור אלמוני ובקש להתארח בישיבה, ובאמצע השבת נודע להם כי בחור זה הוא גנב מפורסם, שכבר גנב מהרבה אנשים את יגיע כפיהם המצומצמת, וגרם הרבה עגמ״נ ליהודים. דעת רבינו (רחמ״ד) היתה שצריכים למסרו ליד הממשלה

די תורות וואס דער רבי פלעגט משמיע זיין ביי מסיבות און דינערס איז געווען א קוואל פון שמחה. ובלש"ק: ב"ה וואו מ'האלט שוין... געקומען צו גיין אפאר גרינע אידן קיין אמעריקא און געלויבט השי"ת וואו מ'איז אנגעקומען... וכו' וכו'. עס איז געווען מלא סיפוק ושמחת החיים און א געהויבענער אויר האט שורה געווען ארום דעם רבי'ן. עס ליגט מיר נאך אין די ביינער ווען די אידן וואס האבן געגעבן גרעסערע נתינות האבן געהאט די געלעגנהייט אריבער צו גיין דעם רבי'ן, און די רבי האט זיי געגעבן א שמייכל און אזא דריי מיט די אויגן (כדרכו בקודש). אוי, וואספארא חן דאס האט געהאט!

די הייליגע שובבי"ם תורות פון רבי'ן וואס ער האט אויסגעוואשן לבבות בני ישראל, איז געווען מער חיזוק ווי מוסר. מילין לצד עילאה ימלל, לימוד זכות אויף אידן. אפי' אין די שארפע תורות קעגן ציונית הערט זיך בלויז אהבת ישראל און זארג ווי אזוי עס וועט זיך ענדיגן דער קליפת הציוני עס זאל חלילה נישט שאטן קיין שום איד. איך בין דא מעתיק א מורא'דיג לשון פון רבי'ן אין די שובבי"ם תורה: **ווילאנג זייער כח עקזיסטירט, ווייסט מען נישט וואו מען האלט.** השי"ת זאל זיי עוקר זיין מן העולם, **נאר ס'זאל זיין מתוך רחמים ובחסדים, נישט ח"ו מיט צרות. דער בורא כל עולמים האט עצות... וויאזוי קען זיין בארואיגט דאס הארץ פון א איד אז די מדינה עקזיסטירט נאך אויף דער וועלט...** בעונינו הרבים אז שומרי תורה ויראה שטיצן עס נאך. **ס'איז א מורא'דיגער פחד** אז ס'איז נאך דא אזא מציאות אויף דער וועלט. עכל"ק.

ווי אויך אין ויואל משה אינמיטן די בירורי הלכה קען די רבי ענדיגן א קטע מיט ברכות אויף אידן (שלא כדרך המחברים) אדער אויסדריקן פון צער על עלבון השכינה הק'. דער רבי האט נישט געשריבן קיין קאלטע הארטע בירורי הלכה, נאר עס איז אים נוגע געווען בנפשו, ככתוב לאמר בהקדמה של עה"ג בלש"ק: ...כי הציקתני רוחי ובטני וחם לבבי בקרבי בכתבי הדברים האלה, השי"ת יעזור לי שלא יזיק לבריאותי שאוכל לעמוד על המשמר. עכ"ל.

ביי די הפגנות און מחאות האט מען געזען אז דער רבי האט אריינגעלייגט עקסטערע מחשבה צו האבן ווי מער א גרעסערער עולם פון דרויסנדיגע קרייזן, ליטווישע ווי חסידישע. פארשטענדליך אז ער האט זיכער געמאכט אז די מחאה זאל געבן דעם ריכטיגן טאן. אבער דאך איז ער גרייט געווען נאכצוגעבן פארשידענע זאכן כדי אז עס זאל זיין ברוב עם הדרת מלך. דאס ביסעלע אנטי ציונות וואס ער האט געקענט באקומען פון אנדערע קרייזן, איז אים געווען א געוואלדיגער אוצר, ווייל אפשר אזוי וועלן נאך אידן הערן און דערהערן דעם אמת, דעם דעת תורה האמיתית און זיך אפשאקלען פונעם טומאת הציונית.

באזונדערע כוחות האט דער רבי אריינגעלייגט אז די מחאות זאלן האבן א נארמאלע בעל בית'ישע צורה און דער אויסשטעל זאל האבן א קלאסישן אויסזען ווי ווייט מעגליך. דער רבי האט מכיר טובה געווען פאר'ן פאלטישאנער רב זצ"ל פאר'ן זיין גאסט רעדנער, הגם אין זיינע דרשות האט ער נישט פראבירט צו דעליווערן

---

(כדקיי"ל בשו"ע חו"מ סי' שפ"ח סעי' י"ב) אמנם לא רצה להורות בזה הלכה למעשה, וקרא לבית הרה"ק מסאטמאר זצ"ל לשאול בדעתו הרמה, והרה"ק זצ"ל ענה שהוא יודע מגנבותיו, וגם אצלו כבר ביקר... ומ"מ, הגם שמעיקר הדין יש למסרו, מ"מ אינו יכול להסכים לדבר זה, שיושיבו בחור מישראל בתפיסה.

רבינו התבטא אז: הביטו וראו את גדלותו של הסאטמאר רב, שמצד אחד ידוע הוא בעולם לקנאי היותר גדול, אמנם מצד השני הרי הוא הרחמן היותר גדול. עד כמה גדלו רחמיו על הפושע הזה!

עפעס טיפע דערהערן אינעם עומק טומאת הציונית, נאר פארציילט שיינע מעשה'לעך פארן ציבור - משלים און נמשלים. דער עיקר איז אז דער עולם שטייט געפלעפט מיט אפענע מיילער; מ'הערט א וועלט'ס רעדנער, און מ'איז אהיימגעגאנגען צופרידן אז עס איז געווען א נארמאלע אריסטאקראטישע אסיפה; קלאסישע רעדנער.

שמעתי (פון מיינע חברים) אז דער רבי האט געהייסן פאר א געוויסן איד וואס האט דאן נאך נישט געהאט קיין חתימת זקן, אז ער זאל זיך דרייען אויפן אויבנאן אז מ'זאל זען אז אויך אידן אן בערד זענען קעגן ציונית; די יעוץ פאר די פראטעסטן האט דער רבי זיך אדורכגערעדט דייקא מיט די חכימאי דיהודאי - וואוידעסלאווער רב זצ"ל און קיוויאשדער רב זצ"ל פון קווינס. דער יושב ראש איז טאקע געווען דער וואוידסלאווער רב זצ"ל. עכ"פ דער רבי האט געוואלט האבן מיט זיך ווי מער א קאלירפולע ציבור און זיין קלאסיש ווי ווייט מעגליך.

(עוד רגע אדבר. אוודאי האט זיך געמאכט בחורים פראים, דא און דארט, וואס האבן נאך דעמאלט אויפגעטוישט דעם חפצא מיטן גברא און געטון פארשידענע שטיקלעך. אבער דאס איז געווען אראפגעקוקט און אוודאי חלילה נישט דער אנגענומענער מהלך. וועט רעדט נאך ווען די פראות איז אנגעקומען לאזני רביה"ק, האט ער רעאגירט אויפן שארפסטן אופן, ומעשה "אראפרייסן דגל הציוני אינעם קליימער שול" יוכיח, ומעשה "פירקלען א האקנקרייץ אויף איזראעלישן קאנסולאט" יוכיח, ומעשה "פארשפרייטן פאשקעווילן בביהמ"ד קעגן הגרי"מ דושינסקי ז"ל" יוכיח, און אפילו ווארפן אייער על המרשעת גאלדע מאיר שמעתי ממקור מוסמך שרבינו היה בצער גדול מזה. וראה נא ג"כ מ"ש בספר בוצינא קדישא מ"ש רבינו עה"פ וראה עם דרך עוצב בי ונחני בדרך עולם. ובודאי ידוע לכם ה'נשא תורה, "שהאנשים האלו חוטאים בנפשותם ונקראו מלשינים על האמונה...". ועל כולם די פייערדיגע שארפע דיבורים פון רבי'ן ביי די פתיחה אין ישיבה תשכ"ז וואו דער רבי האט געלאזט הערן פחד'יגע לשונות קעגן די אקציעס פון פאלשע קנאות, ולעומת זה כשהמדובר הי' אודות "גברא", לעולם למד זכות והמליץ מאוד. לדוגמא: כאשר דברו עם רבינו אודות ההתמנות של הגאון בעל המנחת יצחק זצ"ל לגאב"ד העדה החרדית, והי' מתנגדים להתמנתו, שלא הי' קנאי כ"כ, ידוע שאמר "א קנאי קען מען ווערן איבערנאכט, אבער א ת"ח קען מען נישט ווערן איבערנאכט." וגם ידוע מ"ש בס' נפלאים מעשיך מהרה"ח ר' פרץ זילבערמאן (לעפקאוויטש) ע"ה אודות הרב קרייזווירטה ז"ל גאב"ד אנטווערפן, וועגן זאגן א דרשה אום ה' אייר, וואו דער רבי האט מלמד זכות געווען אויף אים. "ער מוז דאך רעדן. ער איז דאך שטאט'ס רב", עיי"ש. וגם אפשר לשמוע בהטעיפ אחר ה'6 טאגיגע מלחמה כאשר רבינו דיבר עם מקורביו אודות המצב, הלשינו לרבינו אודות רב אחד שעושה אפיל לקרן קיימת בביהמ"ד שלו, ורבינו המליץ עליו ש'רב זה הוא נצרך לבריות, בבחינת אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו וכו'.)

יעצט לאמיר צוגיין צום ענין: ליידער איז דער באגריף "קנאות" במשך הזמן איבערגעדרייט געווארן דורך מאנכע בעלי חשבונות און 'הייליגע' פאליטישאנס. (הלואי זאל איך קענען מלמד זכות זיין אויף זיי און זאגן אז זיי פארשטייען פשוט נישט די שיטה הק' באמת.) קנאות איז ליידער געווארן אין די לעצטע יארן אן ענין פון זיך "מתכבד זיין בקלון חבירו". בעיקר איז די נייע מלחמה קעגן ציונית בעיקר קעגן "גברא" און לאו דוקא "חפצא". מ'ניצט נאר די "חפצא" צו אטאקירן דעם "גברא". (עס איז גאנץ מעגליך אז אויב מען קען ווען נישט אטאקירן דעם "גברא", וואלטן זיי איבערגעלאזט דעם "חפצא" און ציונית אליין וואלט ווען נישט געווען אזא פראבלעם.) קנאות איז געווארן א פלאטפארמע און א בימה זיך אויפצושטעלן אינדערהייעך איבער א צווייטען, און פאר דעם צוועק דארף מען האבן כסדר א "שגץ'ל" גרייט אין דער זייט אויף וועמען אויסצוגיסן די מידות רעות; יעדע שטיק צייט איז דאס א צווייטער (אפי' מיט עפעס גערעכטע טענות). די קנאות איז נישט אינטערעסאנט **נאר** ווען מען קען זיך מתכבד זיין בקלון חבירו!

מ'האט אין די לעצטע צייטן אנגעפאנגען אראפצורייסן מענטשן פערזענליך, קללות וזלזולים. יעדן טאג ווערט א צווייטער מנהיג ממש ווי "הר' קוק". מ'גייט מיטן גאנצן שארפקייט, כאטשיג דאס איז מרחק אידן פון די אמונה; מ'נוצט פסוקים פון ישעי' און הושע זיך צו פראסקענען איינעם מיטן צווייטן; מ'נוצט דעם אלטן שפראך

מיטן היימישן קוועטש קעגן אידן שומרי תורה ומדקדקים; מ'ניצט הייליגע מושגים צו דערנידערן און יורד זיין לחייו פון אידן. די בעלי מידות רעות האבן ממציא געווען פרישע סלאגאנען - "לינקער", קליפה" - קעגן די "ערליכע אידן", און אויב דערוואגט זיך איינער צו זאגן פאר'ן מלאך המשחית "הרף", ווערט ער גלייך אטאקירט מיט זייער הייס-געווער – "לץ", "משכיל", "קלי הדעת", ודין גרמי' אז אלע אלטע תלמידים פון רבי'ן וואס דענקן נאך ווען וועלט איז געווען וועלט זענען מקיים דעם המשכיל בעת ההוא ידום. די שיטה הק' ווערט איבערגעגעבן פאר'ן נייעם דור אן קיים שום קלאסישקייט און ערנסקייט. אלעס איז נאר מיט אן עצבות, יללות און זויערשטאף. כולו נעגעטיוו! (כידוע מספה"ק שהכוחות הטומאה שמה לילת, ע"ש שמיללת תמיד), ומה יעשה הבן שלא יחטא?

(עס גייט נאך נידריגער, אז טאמער בהמשך הזמן זאל א געוויסער קרייז אביסל איינזען דעם אמת און אונטערנעמען פאזיטיווע שינויים למחצה, שליש ולרביע, דארף מען גריבלען און טרעפן אז ער מיינט דאס נישט ערנסט; ער איז נאך אלץ א ציוני, ווייל אויב חלילה אן אנדערער קרייז וועט ווערן קנאים וועלן מיר דאך פארלירן אונזער מעמד און מיט וואס זענען מיר דאן מער פון א צווייטן? יעדער "מוז" בלייבן א ציוני, און דאס אז ונשארתי אני לבדי, איז נישט קיין ווייטאג, נאר א לכתחילה. מקרב זיין נאך אידן איז ממש אסור ווייל דאן טוסטו אין קירוב רחוקים פונקט ווי ליובאוויטש. קנאות איז אונזער'ס, וזר לא יתערב בשמחתינו – השגת גבול וכעני המהפך בחררה).

ווער רעדט נאך אויב א קרייז איז געפאלן מיט א געוויסע מדריגה אין קנאות אדער איז זיך נישט נוהג אין געוויסע זאכן וואס איז אויסגעהאלטן לויט די שיטה. מן הדין וואלט דער ריכטיגער וועג געווען ווען מ'ניצט הסברה מקרב צו זיין יענעם צו די שיטה. (אזוי ווי איר טוט כסדר מיט אייערע מאמרים פון "נטרונא" לגבי די דרויסנדיגע גאס.) אבער אוודאי נישט אפסטעמפלען גלייך יענעם מיט א חותם אלס "ציוני", שקצים, מהרסים. כידוע משמי' דר' אהרן קאצענעלבויגען ז"ל אז קנאות דארף זיין ווי א באלעבאסטע מיט א מייז; די באלעבאסטע וויל אוודאי נישט טרעפן די מייז אין שטוב און אויב יא, טרייבט זי דאס ארויס מיט א בעזעם. משא"כ א קאץ זוכט דעם מייז און פריידט זיך דערויף כמוצא שלל רב... עכ"פ די סאטמארער שיטה האט דורך די בעלי חשבונות באקומען א נייער צביון, א נייער קולטור – זייער אומבא'טעמ'ט און ווייטאגליך.

דער פועל יוצא פון דעם מהלך איז, אז דער יונגער דור (אפי' פון די שענסטע סאטמארער שטיבער) מאכט זיך אייגענע באשלוסן. אם כנים הדברים אז עס ליגט אין דעם גאנצן היינטיגן קנאות נאר געמיינע מידות רעות, עצבות, ורק רע כל היום, אלעס דרייט זיך ארום אפצו'פסל'ן מענטשן רעכטס און לינקס, ציט מען זיך צוריק פון אזא שיטה, ווייל דער חוש הריח שמעקט גלייך אז מ'מיינט בכלל נישט דעם אמת און אהבת ישראל, נאר פובליק רילעישאנס פון זיך הייבן דעם נאמען מיט נגיעות און חשבונות פון עלקלקות שאין הדעת סובלתן, און ווען דער עולם האט דאס דערשמעקט, איז געווארן די שיטה הק' כתורן בראש ההר.

וויפיל מ'זאל פראבירן מסביר צו זיין פאר די פאליקאנטן אז דער מהלך איז מקלקל און צוליב דעם קען מען נישט רעדן צו אידן דיבורי אמונה און אז די גאנצע שיטה אויף וואס רביה"ק האט זיך מוסר נפש געווען גייט כאדראם, גייט דאס פאר זיי בכלל נישט אן, ווייל עס אינטערעסירט זיי נישט דער "חפצא" – ער קימערט גאנץ ווייניג על כבוד שמו ית' המחולל. דער עיקר איז דער "זיך" – דער אייגענער "גברא" – צו הייסן דער אויסשליסליכע "רעכטער" וועלכע איז לוחם קעגן דער וועלט, און ווען דער יונגער דור זעט אזא אומסימפאטישער בילד און אין די זעלבע צייט כאפט מען א בליק אויף די גרויסע וועלט, מ'זעט פון איין זייט טויזנטער אידן יראים ושלימים עוסקים בתורה, טויזנטער בני ישיבות און אלטע מנהיגים זקני ראשי ישיבות, און פון די צווייטע זייט הערט מען

השכם והערב אז זיי זענען גאר תלמידיו פון קוק און הערצל ימ"ש, וכאילו דאס איז די גאנצע שיטה הק', כאפט דאס אן איבל צו די גאנצע שיטה הק' ליידער.

ושמעתי משמי' דר' אביגדור מיללער ז"ל א מורא'דיגערווארט על ענין חילול השם. די גמרא זאגט אין מס' יומא, "היכי דמי חילול השם, אמר רב כגון אנא אי שקילנא בישרא מטבחא ולא יהיבנא דמי לאלתר" - אויב איך (רב) קויפט פלייש און באצאל נישט גלייך. איז די קשיא, פארוואס אויב רב האט נישט באצאלט גלייך איז ער מחלל השם. ער איז ליבערשט "זיך" אליין מחלל, פארוואס עפעס מחלל את השם? האט ער געענטפערט א הסבר נפלא – אז דער טבע אנושי איז, אז אויב מ'רעספעקטירט א מענטש, איז מען אויך מחשיב דעם ענין וואס דער רעספעקטירער שטעלט פאר, וההיפך בהיפך – אויב מען האט פיינט א מענטש, איז דער טבע אנושי ממאס צו זיין דעם ענין וואס דער שונא רעפעזענטירט. אלזא, כלל ישראל בכלל און געהויבענע אידן בפרט זענען נושא דגל ה'; זיי רעפרענזעטירן דעם אמונת ה', עם זו יצרתי לי תהילתי יספרו. יעדער איד לויט זיין חשיבות רעפרעזענטירט אמונה און אידישקייט, און אויב האבן מענטשן אים פיינט צוליב זיינע מעשים, איז ער חלילה גורם אז מ'זאל פיינט האבן דעם ענין וואס ער שטעלט פאר (דערפאר איז דא באזונדערע הלכות וויאזוי א ת"ח דארף זיך פירן כדי נישט צו פארשעמען די תורה). (ע"כ פון רבי אביגדור מילער ז"ל.)

לענינינו, אויב זענען דא מענטשן וואס זיי פארקויפן אז זענען די מעתיקי השמועה פון הייליגן רבי'ן און מען פירט זיך אויף ווי צוגיינערס, מ'ווארפט פאשקעווילען אויף ערליכע רבנים און עסקנים, מ'איז מבזה וואוילע ערנסטע אידן כאחד הריקים, מ'האלט דרשות מיט קללות, גייט דאס אויטאמאטיש אויף די קאנטע פון די שיטה הקדושה/רבינו הק', און דאס איז ממאס פאר'ן דור החדש דער גאנצער ענין פון קנאות און דער גאנצער מושג פון א צדיק אמת וואס איז געווען מופשט פון נגיעות עצמיות.[5]

דא איז טרעפליך מעתיק צו זיין א גרגיר נאה פון רבי'ן זי"ע אויף די גמרא (ברכות כח:) "וכשחלה רבי יוחנן בן זכאי נכנסו תלמידיו לבקרו. כיון שראה אותם התחיל לבכות. אמרו לו תלמידיו: נר ישראל, עמוד הימיני, פטיש החזק, מפני אתה בוכה?... ולא עוד אלא שיש לפני שני דרכים אחת של גן עדן ואחת של גיהנם ואיני **יודע באיזו מוליכים אותי ולא אבכה."**

האט דער רבי געטייטשט, אז דער פחד פון רבי יוחנן בן זכאי איז געווען אז ווילאנג ער לעבט ווייסט יעדער זיין שיטה, זיין מהלך און צוגאנג און מ'קען נישט פארדרייען און מסלף זיין, אבער לאחר פטירתו התחיל לבכות –

---

[5](וראה נא מ"ש הדרך מצותיך לבעל הצ"צ באיסור לא תבערו: **והיינו ע"ד דוגמא מאשר אנו רואים למטה שיש בנ"א שעיקר חיותם הוא כשפועלים דין בבנ"א כנראה בחוש כאשר יקרה לבנ"א הללו אנשים עוברי עבירה תיכף מתחמם לבבם ויתמלאו חימה וכעס להענישם ולהכותם מכות אכזרי ורציחה ממש ובפועל ידם דוקא ולא ינוחו ולא ישקטו עד עשות בהם פעולה הרעה בתכלית והיינו מצד שטבעם רע בעצם ע"כ זאת הרעה שיפעלו בבנ"א תחי' אותם חיות וקיום נצחי ובלעדו אין להם חיות כלל ובבוא לידם פעולת הרציחה כאילו מתחדש נפשם מצד שזה חיותם. והנה הגם שילבישו הדבר לש"ש על שעבר עבירה אין זה אמת כלל כי באמת הרי הוא ית' מלא רחמים וחסד וכמ"ש באור פני מלך חיים** (משלי ט"ז ט"ו) לפי שהוא מקור החיים ומקור הטוב והחסד ומקור התענוגים ואין פעולת הרע באה מחמתו כלל כמארז"ל (מד"ר בראשית פנ"א) אין רע יורד מלמעלה (ומה שנסתעף הדין הוא ע"י שבה"כ שנבראו שלוחי הדין שתובעים דין והש"י מסכים לזה לא לנקמה על העובר עבירה ח"ו אלא כמו רפואה שמרפאים חולי הנפש הנעשי' מהעבירות ע"י היסורים וגיהנם כמו שהאומן מוציא כתם מבגד ע"י מתכת חם כו') אלא שזהו מצד מזג רוע הנפש מוטבע' מגבורות קשות להריע ולהעניש כו' ועד"ז הם שלוחי הדין הרוחני' מבחי' גבורות קשות וחפצם בדין לפעול פעולת הדין ובזאת יחיו, וכו'.

**_'ווער ווייסט וויאזוי מען וועט מיך מפרש זיין? וויאזוי מען וועט מיך מתרגם זיין? וויאזוי מ'וועט מיין מהלך פארשטעלן פאר די דורות הבאים? וצרה זו גדולה מכל הצרות, ואיך לא אבכה?!_**

עס איז ממש רוח הקודש הופיע בבית מדרשו אראפצולייגן און מתאר זיין דעם היינטיגן מצב דברים כהוייתן וויאזוי די תלמידים שלא שמשו כל צרכן האבן אוועקגעפירט דער רבי'נ'ס משאת נפשו אויף דרכים שונים ומשונים - "וצרה זו גדולה מכל הצרות, ואיך לא אבכה", ה"י.

## ב

חדא ועוד קאמינא. גבולות חלק הקב"ה בעולמו. ביי די תרי"ג מצות געפונען מיר איסורים וואס זענען איסורי דאורייתא, איסורי דרבנן, חומרות, מנהגים און אין רוח חכמים נוחה בהם. אזוי אויכעט ביי די ארבע מאות פרקים פונעם ע"ז הציוני זענען דא מדריגות. דער רבי איז מברר אז כנסת המינים, חברי הכנסת, (וואס דאס איז דער צוזאמשטעל פון די רעגירונג – די מלכות המינות) זענען דא דערביי איסורים וואס איז **ביהרג ואל יעבור** - אן איסור חמור מאוד. גיין צו די בחירות - האט מען א חלק אין די עבירה דורך זיין דער משלח. לקיחת כספים - איז **אן איסור** (די גרויסע מכשולות וואס דאס איז גורם זעט מען שוין היינט). גיין צום כותל - פאר אנ"ש, כלשונו פון רבי'ן ביי די נשא תורה - "איז אסור צו גיין צום כותל ביז משיח וועט קומען." פאר די גאס – אין על הגאולה שרייבט דער רבי נאר **"ויש למנוע"**... בחירות עיריות - האט ער **"נישט" געוואלט אסר'ן בשו"א** (ראה בפרטיות בספר מהרה"ח ר' ליפא שווארטץ ז"ל סיפור הדברים.) אנ"ש פארן אויף ארץ ישראל - אן קיין געהעריגע סיבה נאר לתור את הארץ, אדער פארן מיט אל-על, **איז אים נישט ניחא געווען**. דף היומי – האט ער קיינמאל נישט גערעדט דערויף ברבים (עכ"פ באמעריקא) נאר ביחידות, און מסתם פאר א סיבה. (ליידער אין דעם געביט הערשט אויכעט א קרירות, עס איז אן עוולה גדולה אז היימישע אינגעלייט האבן א שייכות מיט דעם). קירוב רחוקים - איז **נישט אונזער דרך**, ועוד ועוד.

אזוי אויך בנוגע לשונם הטמא עברית, האט דער רבי געזאגט בלהט אש קודש אז ווי איידער "לערנען" עברית איז ענדערשער זיך צו ביקן הונדערט מאל צום צלם! עס איז וויכטיג צו באטאנען אז דער רבי האט דאס נישט געזאגט אויף "רעדן" עברית (- וואס דאס איז אוודאי געוויס אויך אסור כמבואר בספה"ק ויואל משה מאמר לשון הקודש, ואריה הוא דרביע עלה - כידוע פתגם הנורא בשם מהרי"ד מבעלזא זצ"ל שהוא בבחי' שריפת נשמה וגוף קיים) נאר אויף "לערנען" עברית. ומעשה שהי' כך הי' אז מ'האט געוואלט איינפירן דאס צו לערנען אין בית יעקב אין אמעריקא (ולמעשה כן עשו) א פראגראם אין די לימודים ובשמו יקבנו "עברית בעברית", צו לערנען חומש – די תוה"ק – אויף עברית! וואס בעצם די שפראך צו קענען קאמוניקירן מיט אנדערע מענטשן, פעלט דאך נישט אויס אין אמעריקא; עס איז נישט דער לשון המדינה, ווייל אין די אידישע אמעריקע קאמוניקירט מען אדער דורך אידיש אדער ענגליש, איז דאך דאס ממש נאר לשם מינות, ומינות גרוע מע"ז, האט ער שטארק געארבעט אז דאס זאל נישט געשען.

ענליך ווערט אויך געברענגט אין ספר בוצינא קדישא (חלק א' עמוד רסד) בשם ר' אהרן קאטלער ז"ל, וז"ל של ר' אהרן:

אין ספק שלימוד בעברית אסור גמור. זהו התבוללות גרועה מכל התבוללות שבעולם. כי תכלית הציונות היא לעקור את התורה הקדושה משרשה. התבוללות עם גויים היא כמו עבודה זרה של גוי שיש לה ביטול, אבל

התבוללות עם עברית היא עבודה זרה של ישראל שאין לה ביטול. (וראה נא ג"כ גופא דעובדא ב'שו"ת באר משה סימן ק"מ).

היינט זענען דא מענטשן וואס זאגן נאך בשמו של רבינו אז ווי איידער "רעדן איין ווארט עברית זאלן מען זיך ביקן הונדערט מאל צום צלם". אויסערדעם וואס דאס איז שקר, איז אויך זעלבסט פארשטענדליך אז ווען מ'זאגט דאס איבער אין די גאס, וואסערע השפעה דאס לאזט איבער.[6]

ביים רבי'ן איז אלעס געווען במידה במשקל ובמשורה, אלעס מיוסד עפ"י קבלה ומסורה מאבותיו ורבותיו הקדושים, בפרט פונעם הייליגן חתם סופר און דברי חיים זי"ע. עס איז נישט קיין סוד אז ווען מ'האט בשעתו ארויפגעלייגט אן איסור חמור אויף די טריפה'נע טעלעוויזיע זענען געווען היימישע רבנים וואס האבן געוואלט כולל זיין ראדיא אינעם איסור, ולא רצה רבינו בשום אופן. וההסבר הוא פשוט, ווי דער באקאנטער ווערטל, אז אויב איז לשון הרע פונקט ווי חזיר, איז חזיר פונקט ווי לשון הרע וד"ל. אלעס איז ביים רבי'ן געגאנגען מיט א דעת תורה אמיתיות און א געוואלדיגער שיקול הדעת און אויסגערעכנטקייט, וויאזוי מ'איז לוחם מלחמתה של תורה און גודר זיין כרם בית ישראל.

אבער מיט די היינטיגע זעלבסט-געקרוינטע לוחמים, איז אלעס יהרג ואל יעבור. עס איז נישט דא א זאך וואס עס איז סתם אסור, אדער לא ניחא לרבנן. אלעס איז ממש עק וועלט. עס איז בכלל נישט דא קיין חילוקים. די הארבע לשונות פון בחירות ווערן געניצט אויף די חומרות. ס'ווערט א מורכב; דער מח דערהייבט נישט צו הערן אויף זאכן וואס די וועלט האלט פאר העכסט-נארמאל ערליך אפי' ביים רעכטן לאגער, אז ס'איז ביהרג ואל יעבור. וואס איז די תוצאה פון אזא מין תורה חדשה ביים דור חדש? אז דער יונגער פרישער דור איז מחליט: **כשם שאין**

---

[6] ולחיבת הקודש אעתיק לש"ק במילואה:

והנה בהזדמנות זה הנני מוכרח להעיר ולומר דרך אגב אע"פ שאינו שייך כל כך אל הענין: הנה בעוה"ר אותו לשון הטמא "עיברית" הוא מקור המינות השם ישמרינו, הממציא אותו הי' מן המינים היותר גדולים, ונפגר עם עטו בידו באמצע הכתיבה ביום השבת, והלשון עצמו הוא מלא מינות, הנה הוא לשון שבדו להם המינים שאסור בהחלט, והנה שם בארץ ישראל הוא חמור יותר גם מטעם אחר, שהרי יש שם חרם חמור על לימוד לשונות אחרים, א"כ הרי הוא ק"ו על לשון הטמא הזה שהוא לשון המינים כנ"ל, אמנם גם פה בחו"ל שלא נעשה איסור וחרם על שאר הלשונות מ"מ הוא אסור בהחלט מפני שהוא לשון המינים, (ועיין מזה ביואל משה מאמר ג' סימן כ"ט).

אלא שמטעם א' הוא גרוע יותר בחו"ל, ע"ד דאיתא בגמרא (תענית דף ח.) אר"ל מ"ד אם ישוך הנחש בלא לחש ואין יתרון לבעל הלשון (קהלה י'), לעת"ל מתקבצות ובאות כל החיות אצל הנחש ואומרות לו ארי דורס ואוכל זאב טורף ואוכל אתה מה הנאה יש לך, אמר להם ואין יתרון לבל הלשון, פרשיז"ל מה יתרון לבעל הלשון שמספר לשה"ר אע"פ שאין לו הנאה. וכן ניתן לומר בזה, דפה בחו"ל אם לומדין אותו הלשון על זה יאמר מה יתרון לבעל הלשון, **שהרי כאן אין לו ממנה שום הנאה של כלום, דשם בא"י טוענין עוד לחשוב שזקוק אל הפרנסה כיון שהוא לשון המדינה, אבל כאן הרי א"א להשתמש בו כלל ועיקר, שא"א לעשות על ידו שום משא ומתן ולא שום מסיבה והתוועדות וכדומה, ואין בו שום תועלת בעלם, ואך לפי שרוצה להיות ציוני,** ורוצה למצוא חן אצל חבורת הכופרים, ולמצוא את מקומו ביניהם, וכדי לגדלם ולנשאם למעלה ראש. לא עלינו, **בעוה"ר נפלו כל הישיבות בכשלון זה "ללמוד עיברית" שהוא מינות וגרוע הרבה מעבודה זרה. — והנני אומר שעפ"י הלכה "מוטב להשתחוות מאה פעמים ביום אל הצלם "מללמוד עיברית" אף רק רגע אחת"** ולא אשנה דעתי בזה לחזור מדיבורי אף אם יתקבצו כל העולם כולו ויאמרו להיפך! — וכמו שנפלו כל העולם להיות כרוכים אחריהם בענין המדינה **כמו"כ נכשלו ונפלו "בלימוד הלשון עיברית"**, ומחזיקין ומחניפין לכנופיות הציונים, **ורוצין להכניס את הציונות בהישיבות, וצריכין עבור זה מסירת נפש היותר גדול למנוע זאת ולא להניח להכניס זאת בשום ישיבה,** בעוה"ר מה יכולין לעזור לנפשינו אחר שכל העולם נפלו לתוך הציונות, ואף בין הכשרים ישנם כאלה שמייגעין עצמן איך לעשות זה פשרות שונות שכולם הבל וישאם הרוח, בעוה"ר כל העולם מרוצה לקחת זאת והנסיונות עצומות. (חידושי תורה למסיבות פרשת בהעלותך).

**מיתה בנגיעה כך אין מיתה באכילה!** אין כאן לא נדר, ולא שבועה, ולא נזירות, ולא חרם, ולא איסור ולא קונם ולא נדוי, ולא שמתא, ולא ארור. אבל יש כאן עקסטרעמיזם, נעגעטיוקייט. אלעס איז תוצאות פון מענטשן וואס זענען בכלל נישט רעאליסטיש און זעען אלעס נאר שווארץ, און דערפאר איז מען מער גארנישט מקבל.

עס איז ממש נמס ליבי בקרבי צו הערן פון אינגעלייט פון גאר היימישע משפחות וואס די גאנצע הארעוואניע פון רבי'ן איז ביי זיי א מישמאש פון איין שטיק עקסטרעמיזם. ובעיני ראיתי ווען א אינגערמאן ממשפחת אפרתים ב'סאטמאר איז צוריקגעקומען פון ארץ ישראל אויף א רייזע, און הודה ולא בוש אז ער איז געווען ביי כותל, און ווען מ'האט אים געפרעגט היתכן? האט ער געענטפערט אז די רבי האט אלעס גע'אסר'ט און אויסגערעכנט, פון א שייגעץ-בייק ביז בחירות... יא! דא האב איך הערשט געזען וואס די תוצאה פון נישט איבערגעבן די שיטה אויפן ריכטיגן סדר.

## ג

א וויכטיגע נקודה. קודם דארפן מיר פארשטיין וואס איז געווען דער שטאנד פון די שיטה הק' אלע יארן אינערהאלב סאטמארער חסידים?

דער קנאות אין סאטמאר און די הבנה קעגן ציונית איז אייביג געווען צעטיילט אין צוויי. א גרויס חלק פונעם אלטן דור זענען פשוט בטל געווארן צום צדיק אמת, נאכן הערן דעם רבינ'ס דאווענען, אנגעפאנגען מדי שבת בשבתו פון עד הנה עזרונו, נאכן הערן מיט אזא נעימות דעם קל אדון על כל המעשים... און נאכן הערן ווי שיין דער רבי "דערציילט" מיט אזא נעימות ווי אזוי די מלאכים ושרפים זינגען פאר השי"ת שירות ותשבחות... והאופנים וחיות הקדש ברעש גדול מתנשאים לעמת השרפים... די געוואלדיגע תשוקה לגאולה ביי אור חדש על ציון תאיר... אדער ביי קדושה "ותמלוך עלינו מהרה כי מחכים אנחנו לך מתי תמלוך בציון"... דער אהבת התורה ביי אהבה רבה... אה! דער עזרת אבותינו... דער השתפכות הנפש ביי צור ישראל קומה בעזרת ישראל. ווער רעדט נאך יעדן יו"ט ביי ומפני חטאינו גלינו מארצינו. ווער האט דאן נישט געלאזט א טרער טראכטנדיג אז יא, מפני חטאינו, צוליב אונזערע זינד, זענען מיר נאך אלץ אין גלות, און אין די הייליגע טעג ביי ונתנה תוקף, א הושענא רבה – ויחל משה את פני ה' אלוקיו עד כלות הנפש ממש. די מחזה עילאה ביי שמיני עצרת, די הקפות – מי שלא ראה שמחה זו, דעם געטליכן הרגש בלי גוזמא! וכו' וכו'.

דערפאר ווען דער רבי האט שפעטער גערעדט קעגן ציונית, האט יעדער מסכים געווען. אין די צייטן ווען סאטמאר איז געווען סיהרא במילואה ביז תשכ"ח, איז עס געווען די והותר אז "דבר זה רבינו הגדול אמרו", און יעדער איז אויטאמאטיש בטל געווארן פאר אים כקליפת השום. בית שמאי במקום בית הלל אינה משנה. א גרויס חלק פונעם ציבור האט אפילו נישט געגוי פארשטאנען וואס עס שטייט אין הייליגן ספר ויואל משה מחמת קוצר המשיג, אבער אז דער רבי זאגט, איז דאס כמשה מפי הגבורה! דער ויואל משה איז געשריבן געווארן בקדושה וטהרה ובמסירת נפש ממש, ותו לא מידי. דאס איז געווען איין חלק פון סאטמאר.

דער צווייטער חלק פון סאטמאר (א היפש קלענערער חלק) האט צוגאב דעם אלעם - אויסער די שטארקע חסידות אינעם רבי'ן – אויכעט פארשטאנען וואס דער רבי זאגט. די זענען געווען בעלי מדע און תלמידי חכמים וואס פארשטייען אביסל דקות און עמקות, און האבן יורד געווען לסוף דעתו. זיי האבן געלערנט מיט א יגיעה דעם

ספר ויואל משה מיט אלע פארצווייגטע סוגיות און אזוי ארום איז זיי נתלבן געווארן שיטתו הק' מיט א געוואלדיגן בהירות.

ויקם דור חדש אשר לא ידע את יוסף. זיי האבן דער רבינ'ס שטראלנדע געטליכע צורה נישט געזען. זיינע תפילות און תורות האבן זיי נישט געהערט. און איבערגעבן דעם רבינ'ס פייער דברים כהוייתן, זענען וויייניג מסוגל. (פארקערט, איבערצוגעבן א פאלשן בילד, איז יא דא גענוג לייזער.) און מ'האלט שוין היינטביים דור השלישי, איז נאר געבליבן אז מ'זאל לערנען זיינע ספרים.

אבער אין תשע"ד איז מען זיך שוין נישט מייגע. עס איז א וועלט וואו ס'איז דא ארטסקרול, מתיבתא, שיעורים אויף גאנץ ש"ס, געפינטלטע חובת הלבבות. מ'האט היינט נישט קיין נערוון צו הערן א לאנגע תורה אויף די סדרה אדער א ביאור רחב, נאר מ'זוכט שנעלע בליצן און געגאנגען ווייטער. מ'לייענט וויייניג, מ'קוקט נאר בילדער, אלעס דארף מען כשלחן ערוך אריינגעלייגט מיט א לעפל אין מויל, מיט די מינימאלע התבוננות, ודין גרמא אז עס איז געבליבן משנתו ותורתו מרביה"ק פאר א גרויס חלק פון ציבור ווי א ספר חתום. מ'הייבט נישט אן צו וויסן די עקרי היסודות אויף וואס דער רבי האט געשריבן זיין ספר, און די וואס קענען באמת די שיטה זענען גאר א מיעוט. אויב אזוי פון וואנעט זאל ער קענען די שיטה?

## ואתה תחזה

וואס איז די עצה צוריקצוברענגען דעם אריגינעלן בילד פון די שיטה הק', די אמת'ע איסורים, חומרות, לא ניחא ליי'ס, און צוריקשטעלן דעם מהלך אקוראט ווי דער דעת תורה הברורה פון רביה"ק. לאמיר באמת געבן א טראכט. אויב די מלחמה קעגן ציונית וואלט געפירט געווארן דורכ'ן מהרש"ב זצ"ל, וואלט חב"ד זיכערגעמאכט אז עס דא א גאנצער ביבליאטעק מיט לומדים ומומחים... און געברענגט השוואות, פרישע מראי מקומות, פון די ראשונים ביז די אחרונים, אויסגעקראצט פון כתבי ידות ענליכקייטן, און איבערצייגט פאר די וועלט אז אלע גדולי ישראל האבן אזוי געהאלטן; איבערגעארבעט די נושאים; צולייגט אויף קליין געלט אלע יסודות, און אראפגעלייגט כסדר קלאסישע און זאכליכע מאמרים, ווי אויך געשריבן די גאנצע היסטאריע פון ציונית קראנט און דאקומענטיש (נישט נאר דעם חלק ההלכה וואס דער רבי איז מברר - נאר אויך דער חלק ה'היסטאריע און אלעס ארום), איבערגעטייטשט אויף אסאך שפראכן אז אידן פון אלע שיכטן און קרייזן אנשים נשים וטף זאלן דאס קלאר פארשטיין, מיטן ציל ממשיך צו זיין און צוצוציען א פרישן ציבור צום פראבלעם פונעם "חפצא" הנקרא טומאת הציונות והמסתעף.

איך וויל דא מעתיק זיין א וויכטיגער אינטערעסאנטער עפיזאד פונעם חכם ארזים רבי מיכאל בער ווייסמאנדל ז"ל, געברענגט אין (איש חמודות חלק ב' עמ' רס"ד) וואס איז א שטארקער יסוד נוגע לענינינו. געווען איז דאס אין שנת תשי"ז ווען עס איז אנגעקומען קיין אמעריקע פליטים פון אונגארן און לערך פופצן בחורים זענען געקומען צום נייטרא ישיבה. רבי מיכאל בער ז"ל האט זיי גערופן אין שטוב אריין און זיי געזאגט א קורצע פתיחה בזה הלשון: אנשי אונגארן זענען בטבעם שטחיים, אויבערפלעכליך און זענען נישט מעיין בעומקו של דבר. אבער צו זיין איד דארף מען זיין אן עמקן.

רבי מיכאל בער ז"ל האט געשפירט פאר וויכטיג מודיע זיין פאר די בחורים, אנקומענדיג צו די פאראייניגטע שטאטן, אז אין אמעריקע איז אנדערש ווי אונגארן. צו זיין א איד דארף מען זיין אן עמקן. דאס איז א געוואלדיגער יסוד וואס מיר טארן נישט פארזען, און דאס פלאגט שטארק דעם היינטיגן דור, בפרט פאר די בעלי כשרון. דעם דור הראשון נאכ'ן קריג און אפשר דעם דור השני איכעט האט מען נישט געדארפט אסאך זאגן און מסביר זיין. ביי זיי איז געווען גענוג דעם ואל תטוש תורת אמך. די יוצאי אונגארן האבן אזוי געלעבט עטליכע דורות און זיך אויפגעפירט ערליך מיט יראת שמים בתמימות. אבער טייערע אידן, ווי געזאגט האלט מען שוין ביים דור שלישי אדער דור רביעי "אין אמעריקע". עס איז אן אויפגעקלערטע וועלט. מ'דארף רעדן צו דער זאך, נישט אויבערפלעכליך, אבי געזאגט, נאר מיט אן עמקות, פארשטענדעניש, אמת'ע פאקטן און קלארע הוכחות. מ'דארף זיך צוזאמנעמען די כוחות און רעדן עניני אמונה מיט שכל, אויסגעבויט פון ראשונים, קדמונים. צו זיין א איד דארף מען היינט רעדן מיט אן עמקות און נאר ריין אמת, נישט קיין גוזמאות און איבערגעטריבענע לשונות.

להגיד לאדם ישרו. ווי עס קוקט מיר אויס פון אייערע ליטעראטור וואס איך האב געליינט, זיצן ביי "נטרונא" בעלי מחשבה, אויסגעבויעטע מענטשן, וועלכע פרובירן אריינצולייגן אין די ליין-מאטריאל מחשבה און הבנה. די סחורה פון נטרונא האט אן עמקות. נתתי שמחה בליבי צו זען דעם חזר ויסדום, קנאות אויפן רבינ'ס מהלך. טרערן פון די אויגן איז מיר געקומען צו זען אז "נצח ישראל לא ישקר". עטץ רעדט דייקא פונעם "חפצא" און נישט פונעם "גברא", מיט קלאסישקייט און רעספעקט. ווי אויך טוט נישט נטרונא מטשטש זיין די גבולין און שרייט נישט "וואלף" אויף יעדע זאך. ועל כולם איז ווי געזאגט די סחורה א ברכה צו מאכן. בחכמתא מתיבתא להון. צו דער זאך! לייגבאר און אמת'דיג, און איך וויל ענק מחזק זיין אנצוגיין אין דעם דרך. דער כמות זאל וואקסן און נישט פארלירן דעם שטארקן איכות.

אבער חנוך לנער ע"פ דרכו. מ'דארף ארייגלייגן כוחות אינעם יוגנט, ווייל די וואס זענען קולט דער ריח של בושם בימי חורפם, בלייבט ביי זיי דעם אש קודש אגאנץ לעבן, און דער עיקר לימוד דארף זיין די פינטעלע אמונה - בא חבקוק והעמידן על אחת, וצדיק באמונתו יחי'. דער רמב"ם שרייבט א מורא'דיגן לשון אין פירוש המשניות — (מסכת ברכות פרק ט משנה ה) ...**כי יקר בעיני ללמד עיקר מעיקרי הדת והאמונה יותר מכל אשר אלמדהו**. מ'קען זען בחוש אז אסאך פון די אידן וואס האבן א געפיל צו דעם גרויסן ענין, קומט דאס פון דעם וואס פון אלס קינד האבן זיי שוין קונה געווען די יסודי האמונה, (אפי' נאר דורך ליינען די ליכט-שטראלן וכדומה), און דער פייער איז זיי געבליבן.

מאויבי תחכמינו. אלע אפיקורסים ומרעין בישין האבן פארלייגט אלע זייערע כוחות אינעם "נוער" ווייל דארט ליגט דער עתיד פון די אומה הישראלית. כך אמר אחז, אם אין גדיים אין תיישים, אם אין תיישים אין צאן, אם אין צאן אין רועה, אם אין רועה אין עולם. כך אמר אחז, אם אין קטנים אין תלמידים, אם אין תלמידים אין חכמים, אם אין חכמים אין תורה, אם אין תורה אין בתי כנסיות ובתי מדרשות, אם אין בתי כנסיות ובתי מדרשות אין הקדוש ברוך הוא משרה שכינתו בעולם (מדרש רבה ויקרא פרשה יא פסקה ז).

ועל של עתה באתי: די תוה"ק זאגט, כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' — א מענטש דארף מתפלל זיין און זיך באפאסן מיט זיין משפחה אז ושמרו דרך ה'. דער רבי זאגט כמ"פ אין די תורות, אז די הבטחה פון כי לא תשכח מפי זרעו איז נאר אויפן כלל און נישט אויפן יחיד. יעדער פאר זיך און זיינע בני משפחה דארפן רחמי שמים און זכותים. ע"כ במר נפשי אבקש. אויב וויל מען אז דעם רבינ'ס תורה זאל ווייטער ברענען, דער אש תמיד תוקד מיט די הייליגע תורות און שיטתו הק' זאלן האבן א המשכה פאר'ן יונגען דור, דארף

מען טון צו דער זאך, צו שרייבן א ספר אויף אידיש מיט אלע יסודי האמונה מיט קלארע הסברים קעגן ציונית, אויף א גרינגע שפראך, עס זאל ציען צו ליינען, ס'זאל זיך ליינען ווי א מעשה ביכל די גאנצע היסטאריע פון ציונית און דער מלחמת קודש מאת גדולי ישראל זצ"ל, באגלייט מיט דאקומענטן, ארכיוון, גלוים, בילדער, ומתחת לקו מקורות פון ראשונים ואחרונים. אלעס זאל זיין נכסי צאן ברזל, א תוכן'דיגער ספר השוה לכל נפש. אוועקשטעלן די שיטה הק' על יסוד מוסד. רייך, נארמאל, קלאסיש, מיט קראנטע דעקונג, און פון דארט וועט דער יוגנט שעפן זייער וויסנשאפט איבער אמונה ודיעות, נישט ער זאל אונטערוואקסן און ליינען פון עקסטרעמיסטן אדער גאר פון ציונים. ס'איז היינט א וועלט פון שרייבעריי, א וועלט וואס מ'ליינט אסאך, עס קומען ארויס וועכנטליכע גליונות און מאמרים און דער ציבור ליינט. איך פארלאז מיך אויף אייך אז איר וועט זיכער וויסן די גדרים אהערצושטעלן א דבר השוה לכל נפש, און נאכדעם ווען דער בחור/יונגערמאן וועט עלטער ווערן און לערנען ויואל משה פון אינעווייניג וועט דאס האבן א אנדערע צורה. ער וועט דאס ארויסהאבן קלאר און דייטליך.

*

לסיומא דמילתא וויל איך ענדיגן מיין בריוו מיט א שטיקל חובת הלבבות וואס וועט ענק געבן אומץ הלב אנצוגיין מיט די הייליגע אונטערנעמונגען. וזל"ק: וראוי לך אחי לדעת, כי זכיות המאמין, אפילו אם יהיה מגיע אל התכלית הרחוקה בתיקון נפשו לאלהים יתברך, ואילו היה קרוב למלאכים (לנביאים) במידותם הטובות ומנהגיהם המשובחים והשתדלותם בעבודת הבורא ואהבתם הזכה בו, אינם כזכיות מי שמורה בני אדם אל הדרך הטובה ומיישר הרשעים אל עבודת הבורא, שזכיותיו נכפלות בעבור זכיותם בכל הימים ובכל הזמנים. (ספר חובות הלבבות - השער העשירי - שער אהבת ה' - פרק ו').

אין איין ווארט: די זכותים פון צובערענגען אידן צום דרך הטובה, איז מער ווי דער איד וואס איז זיך מזכך נפשו און איז אנגעקומען קרוב למדריגת המלאכים, ווייל די זכיות פון די אלע מענטשן וואס זענען פון אים נשפע געווארן, פארמערן אייביג זיינע זכותים.

כ'האף אז די ווערטער איז אייך גענוג צו געבן כח און מוט אין די עבודת הקודש. כמה גדולים מעשי חייא דעבד לי' לתורה שלא תשתכח מישראל.

וכי ישאלך לאמר: ווי קען איך פארשלאגן פאר "נטרונא" זי זאל זיך אונטערנעמען א פרישער קאסטבארער פראיעקט, נאכדעם וואס איר האט פילע הענט מיט ארבעט און מסתמא א דעפעציט פון צענדליגער רבבות? הפחמי תמה אנה יכנס כל הפשתן הזה, היה פיקח אחד משיב לו "ניצוץ אחד" יוצא ממפוח שלך. די עסקנים וועלן מוזן מסביר זיין פאר נדיבים בעם, פאר די נגידים וואס האבן אין זיך א אידיש הארץ, די געוואלדיגע זכי' און סגולה וואס מען קויפט זיך איין מיטן זיין א שותף אינעם הייליגן פראיעקט.

אט איז עטליכע מראי מקומות וואס צייגט פאר אייך קלאר דעם געוואלדיגן חשיבות וסגולת המצוה כי רבה הוא, אז ממש לית טב מיני':

## השפעת טובות

עס ווערט געברענגט אין אוחה"ק אויפן פסוק (שמות כג כה) ועבדתם את ה' אלקיכם וברך את לחמך ואת מימיך והסרתי מחלה מקרבך, אז די סגולה פון מהרס זיין דעם כח העבודה זרה **איז משפיע בני, חיי אריכי, ומזוני רוויחי**, וזל"ק: ...כי כשישבר כח הע"ז ויהרוס מבצריה, בזה עובד את ה', וישפיע לו טובה, ויברך לחמו... רשם ה' הבחנת הברכה, בשלשה דברים, **הא'**, שיהיה האדם בריא להתעדן בטוב ה', והוא אומרו והסירותי וגו'.... **ב'**, ירבה לו בנים, והוא אומרו ולא תהיה משכלה וגו'. **ג'**, שישלים ימיו, אורך ימים ושנות חיים, והוא אומרו את מספר ימיך **... ואין בהבטחה זו דבר גדול, אלא באמצעות שלשה דברים אלו.**

## המתקת הדינים

רבינו הקדוש שרייבט אינעם באקאנטן ברכת השנה תשי"ט (להעדה החרדית אחרי ההפגנה בעיר וואשינגטאן) שטארקע לשונות, ובתוך הדברים: **קידוש ש"ש זה המתיק את הדינין והסירה חרון האף במדה גדולה... ובזה סר הקטרוג הנורא... ועל כגון דנא נאמר "השיב את חמתי מעל בני ישראל בקנאו את קנאתי בתוכם ולא כליתי את בני ישראל בקנאתי"... זכיתם אתם לקדש את השם ית"ש יש שכר לפעולתכם בזה ובבא...** ווי אויך האט זיך דער רבי אויסגעדרוקט (ס"ג בשלח תשט"ו): **אפשר אז מ'וועט עפעס טון, מיט א שטיקל מחאה, וועט מען מסיר זיין דעם חרון אף.**

ענליך צו דעם קען מען טרעפן אין רבינו יונה, ווי ער שרייבט, אז ווען א מענטש העלפט ארויס דעם אמת און ער איז מחזק ידי אנשי אמת איז דאס **מכפר מיט תשובה אנשטאט "יסורים תולים ומיתה ממרקת. בחסד ואמת יכופר עון**... הנה אלה דרכי קידוש ה' והוד והדר לאמונתו ועבודתו בעולם" (שערי תשובה - שער ראשון אות מז).

## שכר מצוה בהאי עלמא איכא

דער רבי שרייבט עטליכע מאל אין די תורות אז כאטשיג מיר ווייסן דעם כלל אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, אבער די וואס טוען קעגן די מסיתים ומדיחים, **באקומען שכר מצוה בהאי עלמא און השפעת עולם הזה אויף דער וועלט.**

וזלש"ק (בתוך לשונו ס"ג פ' עקב תשכ"ז): מה רב טובך אשר "צפנת" ליראיך. דער שכר אויפ'ן עצם המצות איז נאר "צפון", דאס איז נאר אויפן עולם הבא, **אבער "פעלת לחוסים בך", דעס וואס ס'איז "נגד בני אדם", וואס מ'האט צוטון בעוה"ר אין א עלמא דשיקרא**, ס'איז צוגעקומען "מזדים" חשוך עבדך, מ'האט צוטון מיט זדים און מיט רשעים, מ'דארף ניצול ווערן פון השפעת הזדים און רשעים, דאס איז "נגד דעת בני אדם" וואס מ'דארף זיך פלאגן, דאס איז די שווערעקייט, לפום צערא אגרא... אפילו צווישן די שומרי תורה דארף מען נאך זייער גוט קלויבן אמת'דיגע אמונה, וואס זיי גלייבן אין ביאת המשיח און אין די י"ג עיקרים בתכלית, דאס איז א מיעוטא דמיעוטא, דאס איז "נגד דעת בני אדם"**, און אויף דעם דארף מען שוין האבן השפעת עולם הזה, אז דער בוכ"ע וועט געבן כח ושכר בהאי עלמא.**

עכ"פ דעס זענען די צוויי מדרשים וואס ער זאגט ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד. דאס וועט בלייבן לעולם הבא. דער עיקר מצות איז נאר דאס, דאס איז די זעלבע וואס מ'זאגט, ווייל ס'איז "נגד" בני אדם, די צרות און די יסורים וואס מ'האט אז מ'דארף זיך פלאגן נגד בני אדם, **איבערדעם העלפט דער בוכ"ע השפעת עוה"ז וואס יודן ברויכן מ'זאל קענען זיך דערהאלטן.** (וע"ע בד"י פ' עקב ע' סב, וחידו"ת פ' תבוא עמ' רל).

## צדיק גוזר והקב"ה מקיים

**עוד יזכור לנו אהבת איתן אדונינו** – בהילו נרו על ראשינו, ווען רבינו הקדוש, דער עמוד צלותהון דישראל שהקיש על שערי רחמים ונפתחו לו, וואס האט געשפאלטן הימלען און אויסגע'פועל'ט ישועות שלא כדרך הטבע פאר אידישע קינדער, אשריהם הצדיקים שהן הופכים מדת הדין למדת רחמים! לקדושים אשר בארץ המה ואדירי כל חפצי בם, כל ההולך בדרכי אבות מזכירין לו זכות אבות, כל המדבק עצמו עם הצדיקים אע"פ שאינו עושה כמעשיהם נוטל שכר כיוצא בהם, גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם. רבינו הק' וועט זיכער זיין פאר א מליץ יושר בגנזי מרומים להוושע בדבר ישועה ורחמים.

*

טייערע עסקנים! המתחיל במצוה אומרים לו גמור. זייט מברר מקחו של צדיק. ברענגטס צוריק דעם כבוד פונעם הייליגן רבי'ן. זייטס מציל זיין הייליגן נאמען, אז מ'זאל געדענקען זיין אהבת ישראל און זיין גלייכן צוגאנג, און למען כבוד שמו תחזקנה ידיכם. איך זע אז איר פארשטייט דעם ענין פון קנאות מיט מתינות, ווי דער זרע קודש זאגטביים גרעסטן קנאי אין די תורה,, פנחס בן אלעזר ויקח רמח בידו, זאגט ער אז "רמח" איז די זעלבע אותיות ווי "רחם". קנאות קומט פון רחמנות; ער האט רחמנות געהאט אויפ'ן דור ס'זאל נישט זיין קיין חרון אף, דערפאר האט ער געטון די מעשה הקנאות.

ביטע שרייבטס איכות'דיגע מאמרים און פרובירטס צו ארבעטן אויף א פראיעקט פון א ספר/ביכל, און פארשפרייטס איבער דער וועלט אייערע ווערק. אין דער היינטיגער קליינער וועלט קען מען גאר פיל דערגרייכן, און מיר האפן אז וכל הרשעה כעשן תכלה, בביאת משיח ברחמים גדולים.

**הכותב וחותם, א איד וואס פילעוועט אין תורת רבינו הק' ושיטתו הק', און דערפאר שבור ורצוץ אויפן סילוף הנורא**

**(-) אייראפע**

נ.ב. איך געב אייך רשות צו ווייזן דעם בריוו פאר וועמען איר האלט אז ס'איז א תכלית דאס דורכצולייגען – הנ"ל